בס"ד

# עֲלִילוֹת דָם

## עֶטְלִיכֶע עֶרְצֵיילוּנְגֶען

## אוֹיף דִי טְרוֹיעֶר'דִיגֶע בְּלוּט בִּלְבּוּלִים

**כתה ג' תש"ע"א**

תלמוד תורה
יטב לב דרב"י
מסאטמאר
בעיה"ק ירושלים תובב"א
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# אִינְהַאלְט

בְּלוֹט בִּלְבוּלִים.

---

גְעַראטְעוֶועט צְוֵויי מָאל דִי אִידְן פוּן אַ בְּלוֹט בִּלְבּוּל.

---

דֶער בַּאהַאלְטֶעטֶער "אִיד" הָאט גְעַראטְעוֶועט.

---

דֶער בְּלוֹט בִּלְבּוּל הָאט מְכַפֵּר גֶעוֶוען.

---

דֶער "פַארְשְׁוואוּנְדֶענֶער בַּאדִינֶער".

© כל הזכויות שמורות

ת"ת יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
רח' יונה 20 - עיה"ק ירושלים ת"ו - 02-5810967

# בְּלוּט בִּלְבּוּלִים

אֵיינְס פוּן דִי בִּיטֶערְסְטֶע פִינְסְטֶערֶע בִּלְבּוּלִים וָואס גוֹיִם הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אוֹיף אִידְן אִיז גֶעוֶוען "אַז אִידְן נֶעמֶען בְּלוּט פוּן אַ גוֹי פַאר דִי מַצוֹת וָואס זֵיי בַּאקְן אוֹיף פֶּסַח" אָן אַ שִׁעוּר אִידִישׁ בְּלוּט אִיז שׁוֹין פַארְגָאסְן גֶעוָוארְן וֶועגְן דֶעם פִינְסְטֶערְן בִּלְבּוּל, דִי גַלָחִים הָאבְּן גֶעהַאלְטְן דְרָשׁוֹת אוּן אָנגֶעהֶעצט אַז דִי אִידְן הַרְג'עֶנען גוֹי'אִישֶׁע קִינְדֶער צוּ נוּצְן זֵייעֶר בְּלוּט אוֹיף פֶּסַח, זֵיי פְלֶעגְן אַלְס נֶעמֶען אַ טוֹיט גוֹי'אִישׁ קִינְד אוּן אוּנְטֶערְוַוארְפְן אוּנְטֶערְן שְׁטוּב פוּנֶעם רָב אָדֶער רֹאשׁ הַקָהָל אוּן אוֹיפְצוּמָארְגְנְס רוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי צוּ זוּכְן דָאס קִינְד, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען פַאלְן וָואס דִי הֶערְשֶׁער, הָאבְּן גֶעצְווּאוּנְגֶען דִי רַבָּנִים זִיךְ מִתְוַכֵּחַ זֵיין מִיט דִי גַלָחִים אוֹיף דִי בִּלְבּוּלִים, דִי גַלָחִים הָאבְּן אַלְץ פְּרָאבִּירְט צוּ אוֹיפְוַוייזְן פוּן אִידִישֶׁע מְקוֹרוֹת אַז אִידְן דַארְפְן הָאבְּן גוֹי'אִישֶׁע בְּלוּט צוּ דִי מַצוֹת, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַלְץ גֶעהָאלְפְן צוּ אָפְּפְרֶעגְן דִי "פַאלְטשֶׁע רַאיוֹת", אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ דִי שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן אוֹיךְ אֵיינְגֶעזֶעהְן דִי פַאלְטשְׁקֵייט פוּן דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים.

אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַ בְּלוּט בִּלְבּוּל, הָאבְּן דִי מְלוּכָה פִירֶער גֶעלָאזְט רוּפְן דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע רַבָּנִים פוּן יֶענֶע פְּלַאץ, זֵיי זָאלְן עֶנְטְפֶערְן פְּרַאגֶעס וֶועגְן דִי אִידִישֶׁע רֶעלִיגְיֶע, דִי

רַבָּנִים הָאבְּן בְּחַסְדֵי ה׳ גֶעֶנטְפֶערְט אוֹיף אַלְעֶס, דֶעם לֶעצְטְן טָאג הָאט אוֹיפְגֶעטְרָאטְן פַאר דִי רַבָּנִים אַ קַאטוֹילִישֶער גַּלָח, אוּן מִיט עַזּוּת אוּן חֲצְפָּה הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז אִידְן נוּצְן גוֹי׳אִישׁ בְּלוּט אוֹיף פֶּסַח, ״אִיךְ וֶועל אַייךְ אוֹיפְוַוייזְן פוּן אַייֶערֶע סְפָרִים!״ דֶער גַּלָח הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ הַגָּדָה פוּן אוּנְטֶער זַיין אָרֶעם, אוּן גֶעוויזְן אַז דָארְט שְׁטֵייט: ״רַבִּי יְהוּדָה הָיָה נוֹתֵן בָּהֶם סִימָנִים **דְצַ״ךְ עֲדַ״שׁ בְּאַחַ״ב**״, ״וָואס מֵיינְט דִי בַּאהַאלְטֶענֶע סִימָנִים״? הָאט דֶער גַּלָח גֶעפְרֶעגְט, ״אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן: **דְצַ״ךְ** מֵיינְט **דַ**׳ם **צְ**׳רִיכִים **כּ**׳וּלָנוּ, ד.מ. מִיר דַארְפְן אַלֶע בְּלוּט״, דִי רַבָּנִים וְויסְנְדִיג אַז דֶער גַּלָח זוּכְט נָאר צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּן ווִיל נִישְׁט וְויסְן דֶעם רִיכְטִיגְן פְּשַׁט הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן זֵיי אָנְגֶערוּפְן: ״**דְצַ״ךְ** מֵיינְט **דַ**׳ם **צְ**׳רִיכִים **כּ**׳וּלָנוּ, אוּן וָואס אִיז מִיט **עֲדַ״שׁ בַּאַחַ״ב**״? הָאט דֶער רָב גֶעזָאגְט ״אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן: **דְצַ״ךְ** מַאכְט **דִ**׳בְרֵי **צ**׳וֹרְרֵינוּ **כָּ**׳זָב, ד.מ. אוּנְזֶערֶע פַּיינְט רֶעדְן שְׁקָרִים, **עֲדַ״שׁ** מַאכְט **עֲ**׳לִילוֹת **דַ**׳ם **שֶׁ**׳קֶר, ד.מ. דֶער בְּלוּט בִּלְבּוּל אִיז אַ גְרוֹיסֶער לִיגְנְט, **בְּאַחַ״ב** מַאכְט **בְּ**׳נֵי **אַ**׳בְרָהָם **חָ**׳לִילָה **בְּ**׳זֹאת, קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם חָלִילָה זֵיי זָאלְן טָאן אַזַא זַאךְ״. דֶער גַּלָח אִיז אִינְגַאנְצְן צוּמִישְׁט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם קְלוּגְן עֶנְטְפֶער אוּן אִיז אֲוֶועק מִיט חֶרְפּוֹת אוּן בּוּשׁוֹת.

**יֶעצְט שְׁטֵייעֶנְדִיג פַאר פֶּסַח וֶועלְן מִיר אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען עֶטְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי ״בְּלוּט בִּלְבּוּלִים״.**

# גְערַאטֶעוֶועט צְוֵויי מָאל
# דִי אִידְן פוּן אַ בְּלוּט בִּלְבּוּל

דער הייליגער דגל מחנה אפרים האט דערציילט די פאלגנדע מעשה פון זיין גרויסן זיידן דער בעל שם טוב:

אין מעזיבוז וואו דער הייליגער בעל שם האט געוואוינט איז געווען א גרויסער גביר וואס איז געווען א שטארקער מתנגד צום בעש"ט, ער פלעגט אפלאכן פונעם בעש"ט, און זיין הייליגע חבריא.

אמאל אין א פסח ביינאכט, האט פאסירט א גרויסע אומגליק ביים גביר, עטליכע גויים פון שטאט האבן גענומען א געפייגערטן גוי, און אים אונטערגעווארפן אין הויז פון דעם גביר, כדי צו קענען מאכן אן עלילת דם אז ער זאל האבן גע'הרג'עט דעם גוי צו נוצן זיין בלוט פאר מצות, די גויים האבן אוועק געשטעלט שומרים ביי דעם הויז פונעם גביר, כדי קיינער זאל נישט קענען אוועקטראגן דעם קערפער פון דעם געפייגערטן גוי, און אזוי וועלן זיי קענען דורכפירן דעם בלוט-בלבול אויפן איד.

וֶוען דִי פְרוֹי פוּנֶעס גְבִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין הוֹיף אוּן גֶעזֶעהְן דִי קֶערְפֶּער פוּנֶעס גוֹי, הָאט זִי גֶע'חַלְשְ'ט אוֹיפְן פְּלַאץ, וֶוען מֶען הָאט אִיר קוֹים דֶערְמוּנְטֶערְט, הָאט זִי דֶערְצֵיילְט פַאר אִיר מַאן וָואס זִי הָאט גֶעזֶעהְן אִין חָצֵר, אוּן אַז דִי גוֹיִם וֶועלְן זִיכֶער בַּאלְד קוּמֶען מַאכְן אַ פָּאגְרָאם אוֹיף זֵיי, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אִיר מַאן זָאל שְׁנֶעל אַרִיבֶּער גֵיין צוּם בַּעשְׁ"ט. רוּפְט זִיךְ אָן דֶער גְבִיר: "וִוי קֶען אִיךְ גֵיין צוּם בַּעשְׁ"ט עֶר



דִי גוֹיִם פַארזַאמְלֶען זִיךְ אַרוּם דֶעם גְבִיר'ס שְׁטוּב

ווייסט דאָך אַז איך בין אַ גרויסער מתנגד"? זיין ווייב האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזט, מיט די טענה, אַז דער בעש"ט איז אַ צדיק און ער וועט זיכער ניט נקמה נעמען אין דיר, ער וועט דיר זיכער העלפן אין דיין צרה.

בשעת ברכה איז ער אַריבער צום בעש"ט, און מיט גרויס געוויין דערציילט וועגן די גרויסע סכנה וואָס עס הערשט איבער אים, און אויב מען וועט טרעפן דעם געפּייגערטן גוי ביי אים אין הויף, איז ער מיט זיין פאַמיליע פאַראורטיילט צום טויט ר"ל. דערהערנדיג די רייד פונעם גביר, האָט דער בעש"ט גערופן זיין אייניקל, דער דגל מחנה אפרים, און אים געגעבן זיין שטעקן, הייסנדיג אים גיין צוזאַמען מיטן גביר. און אים געזאָגט: נעם מיין שטעקן, און אַריינקומענדיג אין הויף פון דעם איד זאָלסטו גיין צוזאַמען מיטן שטעקן צום קערפּער פונעם גוי און דו זאָלסט זאָגן פאַר דעם געפּייגערטן גוי, אַז איך האָב באַפוילן אַז ער זאָל גלייך מיטגיין מיט דיר.

דער דגל מחנה אפרים האָט אַזוי געטוהן, ער איז געגאַנגען מיטן גביר און איז צוגעגאַנגען מיטן בעש"ט'ס שטעקן צום גוי, באַפוילנדיג אים צו קומען מיט אים צום

בַּעשְׁ"ט. דֶער "פֶּגֶר" הָאט זִיךְ בַּאלְד אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן וְוִי אַ לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְן דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם צוּם בַּעשְׁ"ט, אוּן דֶער בַּעשְׁ"ט הָאט אַוֶּועקְגֶעזֶעצְט דֶעם גוֹי אוֹיף זַיין הֶסֶב בֶּעט.

יֶענֶע נַאכְט זֶענֶען דִי גוֹיִם גֶעקוּמֶען צוּם גְבִיר זוּכְן דֶעם פֶּגֶר, אוּן זִיךְ גֶעגְרֵייט דוּרְכְצוּפִירְן אַ פָּאגְרָאם. צוּ זֵייעֶר גְרוֹיס פַארְוְואוּנְדֶערוּנְג הָאבְּן זֵיי נִישְט גֶעפִינֶען קֵיין פֶּגֶר, אוּן הָאבְּן גֶעמוּזְט אַוֶּועקְגֵיין פוּן דָארְט, זֶענֶען זֵיי מִיט זֵייעֶר כַּעַס גֶעגַאנְגֶען צוּם הוֹיז פוּנֶעם בַּעשְׁ"ט וֶועלְכֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּאקַאנְט בֵּיי דִי גוֹיִם אַלְס אַ וְואוּנְדֶערְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וָואס פְּרַאוֶועט גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים, אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי גֶעפִינֶען דֶעם פֶּגֶר דָארְטְן, דֶערְזֶעעֶנְדִיג זֵיי, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶענוּמֶען דָאס הִיטְל פוּן זֵיין אֵיינִיקְל ר' בָּרוּךְ'ל מֶעזִיבּוּזְ'עֶר אוּן אַוֶּועקְגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶעם קָאפּ פוּנֶעם פֶּגֶר, זָאגְנְדִיג צוּ אִים: "בְּרִיס" (עֶר זָאל מַאכְן מִיטְן מוֹיל כְּדֵי דִי גוֹיִם זָאלְן מֵיינֶען אַז עֶר אִיז אַ אִיד), דֶער גוֹי הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען שָׁאקְלֶען אַהִין אוּן אַהֶער, וְוִי אַ "גֶעבּוֹירֶענֶער" אִיד, אוּן זָאגְן פוּן דִי הַגָּדָה... נִישְט דֶערְקֶענֶענְדִיג אִים, זֶענֶען דִי רְשָׁעִים אַוֶּועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס שְׁטוּב מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, הָאט דֶער בַּעֲש"ט גֶעשִׁיקְט רוּפְן דֶעם גְבִיר און אִים בַּאפוֹילְן צוּ בַּאגְרָאבְּן דֶעם גוֹי אוֹיפְן גוֹי'אִישְׁן בֵּית הַקְבָרוֹת.

מִיט אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער, הָאט דֶער גַּלָּח פוּן שְׁטָאט וָואס הָאט מִיט אַ יָאר פְרִיעֶר אָנְגֶעפִירְט מִיטְן בִּלְבּוּל אוֹיפְן גְבִיר, וִוידֶער גֶעוָואלְט מַאכְן אַן עֲלִילַת דָם אוֹיף אִידְן, אִיז דֶער בַּעֲש"ט גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער צַייט פוּן מַצוֹת בַּאקְן צוּם גַּלָּח און



דֶער עוֹשֶׁר בַּיים סֵדֶר נַאכְט

אִיס גֶעזָאגְט: פַארְוָואס וִוילְסְטוּ פַארְגִיסְן אוּמְשׁוּלְדִיג אִידִישׁ בְּלוּט, הָאסְט דָאךְ גֶעזֶעהְן פַאר אַ יָאר, אַז דַיין שְׁלֶעכְטֶע עֵצָה פוּן מַאכְן אַ בִּלְבּוּל אוֹיפְן גְבִיר אִיז דִיר נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אִיךְ הָאבּ אִיס לֶעבֶּעדִיג גֶעמַאכְט אוֹיף אַ שָׁעָה, אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען זוּכְן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ הָאסְטוּ אִיס אֲפִילוּ נִישְׁט דֶערְקֶענְט.

אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעשֶׁ״ט גְערַאטֶעוֶועט לֵוויי מָאל דִי שְׁטָאט מֶעזִיבּוּשׁ פוּן אַ בְּלוּט בִּלְבּוּל.

# דער באַהאַלטענער "איד" האָט געראַטעוועט

אין אַ וואַלד נעבן אַן אידישע שטאָט האָט מען געטראָפן אַ קריסטליך מיידל גע'הרג'עט, ווייבאַלד די מעשה איז באַוואוּסט געוואָרן האָבן די גוים געזאָגט אַז די אידן האָבן גע'הרג'עט דאָס מיידל, עס איז דאָך פאַר פסח און די אידן דאַרפן בלוט אויף פסח.

דער וואַלד האָט געהערט פאַר איינעם אַ איד מיטן נאָמען ר' שמואל וואָס האָט דאָס געדינגען פון פּריץ כדי אָפּצושניידן די ביימער, דאָס קריסטליך מיידל איז געווען איינע פון די גוי'אישע וואַלד אַרבעטערס, זי פלעגט ברענגען יעדן טאָג עסן פאַר איר פאָטער, אויך אין יענעם טאָג איז זי געגאַנגען ברענגען עסן, אָבער זי איז נישט אַהיים געקומען, קיין סך האָט נישט גענומען, און עס איז שוין געווען עדות וואָס האָט דערציילט אַז ער האָט געהערט די קולות פון וואַלד, און ווען ער איז אַריין אין וואַלד האָט ער געזעהן דעם ר' שמואל אַנטלויפן מיט אַ בלוטיגן מעסער, און אַ טראָפּ אין די האַנט, ווען די עדות האָט מען שוין איינגעשפּאַרט ר'

שמואל מיט די אַנדערע ראשי הקהלה, דער פּריץ און דער גלח פון שטאָט האָבן פאַרלאַנגט אַ שטרענגן געריכט.

די אידן פון יענע שטאָט האָבן געשיקט שליחים צום הייליגן באַרדיטשוב׳ער אַז ער זאָל מתפּלל זיין אַז מען זאָל ניצול ווערן פון די ביטערע גזרה, דער באַרדיטשוב׳ער האָט זיי געזאָגט אַז זיי זאָלן תּשובה טאָן און מתפּלל זיין און דער באַשעפער וועט אַוודאי העלפן.

אין אַ טאָג קומט אָן צום הויז פון באַרדיטשוב׳ער אַ מענטש ער זעהט אויס ווי אַ רוסישער פּויער, און ער בעט אַז ער וויל אַריינגיין צום רבי׳ן, אַזוי ווי ער האָט גערעדט ווי אַ גוי און אויסגעזעהן ווי אַ גוי האָט אים דער גבאי ניט אַריינגעלאָזט, רופט זיך אָן דער מענטש מיט אַ צובראָכענע אידיש: ״ווען ניט וואָס דער רבי האָט מיר געשיקט רופן וואָלט איך ניט געקומען״, הערנדיג אַזעלכע ווערטער האָט מען אים גלייך אַריינגעלאָזט, יעדער איז געווען אינטערעסירט וואָס דער פּויער טוט ביים רבי׳ן, ביז מען האָט אויסגעפינען אַז ער איז אַן איד וואָס האָט געוואוינט צווישן גוים יאָרן לאַנג ביז ער האָט זיך באַפריינדעט מיט די גוים, און האָט זיך אָנגעהויבן צו פירן ווי אַ גוי מיט זיין רעדן און

מִיט זַײנֶע קְלֵײדֶער, מֶען הָאט נִישְׁט דֶערְקֶענְט אַז עֶר אִיז אַן אִיד אָבֶער אַ פוּנְק פוּן אִידִישְׁקַײט אִיז אִים נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן.

דֶער בַּאַרְדִיטשוּבֶ׳ער הָאט גֶעוואוּסְט פוּן אִים, עֶר הָאט גְעשִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ אַז עֶר וִויל מִיט אִים רֶעדְן, דֶער בַּאַרְדִיטשוּבֶ׳ער – טְרַאכְטְנְדִיג אַז עֶר וֶועט נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן קֵײן מוּסָר אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט וֶועלְן קוּמֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט



דִי שִׁיכּוֹרִים זִיצְן אִין קְרֶעטְשְׁמֶע

פַארְן שְׁלִיחַ זָאל אִים זָאגְן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט זָאגְן קֵיין וָוארְט מוּסָר.

אוּן יֶעצְט אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען, דֶער רַבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואסְפַארַא בִּלְבּוּל דִי גוֹיִם הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן דוּ בִּיסְט מְחֻיָּב צוּ הֶעלְפְן״, ״ווִי אַזוֹי״? פְרֶעגְט דֶער מֶענְטְש, זָאגְט אִים דֶער רַבִּי: ״אַזוֹי ווִי דוּ זֶעסְט דָאךְ אוֹיס ווִי אַ גוֹי, זָאלְסְטוּ פָארְן צוּ דִי דָאזִיגֶע שְׁטָאט אוּן גֶעוואוֹיר וֶוערְן פְּרָטִים פוּן דֶעם מָארְד״.



דֶער גּוֹי דֶערְצֵיילְט פַארְן אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה

דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי אַרְבֶּעט, עֶר אִיז גְעפָאהרְן אִין יֶענֶע שְׁטָאט אַלְז אַ סוֹחֵר, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דִי קְרֶעטְשְׁמֶעס גֶעטְרִינְקֶען אוּן גֶעשְׁמוּעְס'ט וִוי דִי גוֹיִם, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט וֶוער אִיז דֶער עֵדוּת, אוּן וֶוער זֶענֶען דִי וָואס שְׁטֵייעֶן אוּנְטֶער דֶעם בִּלְבּוּל, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד –דֶער סוֹחֵר– הָאט זִיךְ בַּאפְרַיינְדֶעט מִיט דֶעם עֵדוּת, אוּן עֶר הָאט אִים מִיטְגֶענוּמֶען אִין אַ רֶעסְטָארַאנְט זֵיי הָאבְּן גְעגֶעסְן אוּן גֶעטְרִינְקֶען, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד הָאט גֶעקוּיפְט נָאךְ אוּן נָאךְ בְּרָאנְפְן בִּיז עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער עֵדוּת אִיז שׁוֹין גוּט אָנְגֶעטְרִינְקֶען, דֶעמָאלְטְס הָאט אִים דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט אַז אִיךְ הָאבּ פַיינְט דִי אִידְן אִיךְ וָואלְט אַפִילוּ גֶע'הַרְגֶ'עט אַ גוֹי, אוּן אַרוֹיף גֶעלֵייגְט דֶעם שׁוּלְד אוֹיף דִי אִידְן", "דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּהן"! שְׁרַייט אוֹיס דֶער עֵדוּת, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד פְרֶעגְט אִים: "וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?, פַאר מִיר מֶעגְסְטוּ אַלֶעס דֶערְצֵיילְן", זָאגְט דֶער שִׁיכּוֹר'ער עֵדוּת: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּשְׁלָאגְן מִיט דָאס גוֹי'אִישׁ מֵיידְל אוּן אִיךְ הָאבּ אִיר צוּשְׁטָאכְן צוּם טוֹיט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע חֲרָטָה גֶעפִילְן, בִּיז אִיךְ בִּין זִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִתְוַדֶּה זֵיין בַּייס גַּלָּח, הָאט מִיר דֶער גַּלָּח גֶעזָאגְט אַז נָאר מִיט דֶעם קֶענְסְטוּ הָאבְּן

אַ כַּפָּרָה אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן עֵדוּת אַז דוּ הָאסְט אַלֵיין גֶעזֶעהְן וִוי שְׁמוּאֵל הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט דָאס קְרִיסְטְלִיכֶע קִינְד, דֶער גַּלָּח הָאט גֶערוּפְן דֶעם פָּרִיץ אוּן צוּזַאמֶען הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַ גוּטְן פְּלַאן.

יֶעצְט הָאט זִיךְ דֶער בַּאַהַאלְטֶענֶער אִיד גֶענוּמֶען צוּם עֵדוּת אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט שְׁטְרֶענְגֶע רֵייד: "דוּ גֵייסְט נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ פַארְגִיסְן רֵיין בְּלוּט? דוּ ווִילְסְט נֶעמֶען אוֹיף דִיר אַזַא זַאךְ מֶען זָאל צוּלִיבּ דִיר הַרְגֶ׳ענֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן? עֶס אִיז דִיר נִישְׁט גֶענוּג אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶע׳הַרְגֶ׳עט אֵיינֶעם, גֵייסְטוּ נָאךְ מֶענְטְשְׁן הַרְגֶ׳ענֶען?" "אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טָאן"? פְרֶעגְט דֶער עֵדוּת, זָאגְט אִים דֶער בַּאַהַאלְטֶענֶער אִיד, "וֶוען עֶס וֶועט זַיין דֶער מִשְׁפָּט אוּן מֶען וֶועט דִיר הֵייסְן זָאגְן עֵדוּת, זָאלְסְטוּ זָאגְן אַז דוּ הָאסְט בִּכְלָל נִישְׁט גֶעזֶעהְן וִוי ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט נָאר דֶער גַּלָּח מִיטְן פָּרִיץ הָאבְּן גֶעהֵייסְן זָאגְן דֶעם לִיגְנְט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַזוֹי זָאגְן וֶועל אִיךְ זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט אַלֵיין גֶע׳הַרְגֶ׳עט.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וֶוען דֶער מִשְׁפָּט אִיז גֶעוֶוען הָאט דֶער עֵדוּת דֶערְקְלֵיירְט אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעהְן

וִוי ר׳ שְׁמוּאֵל הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט נָאך דֶער גַּלָּח אוּן דֶער פָּרִיץ הָאבְּן אִים גֶעהֵייסְן אַזוֹי זָאגְן, פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז דִי רִיכְטֶערְס הָאבְּן גְלַייךְ בַּאפְרַייט דִי אִידְן.

דִי זְכוּת פוּן דַי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס דֶער ״בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד״ הָאט גֶעטוּהְן וָואס עֶר הָאט מַצִּיל גֶעוֶוען נְפָשׁוֹת, הָאט אִים גּוֹרֵם גֶעוֶוען אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ רִיכְטִיגֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה.

# דֶער בְּלוּט בִּלְבּוּל
# הָאט מְכַפֵּר גֶעוֶוען

אִין דִי הָאלְצֶערְנֶע בֶּענְק פוּן וָואגְן, זִיצְן זִיךְ דִי שְׁלִיחִים וָואס זֶענֶען גְעפָארְן בִּשְׁלִיחוּת פוּן הרה״ק רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ פוּן בֶּעלְזָא זי״ע, אַז עֶר זָאל זֵיי אוֹיסְוֶועלְן אַ רָב פַאר זֵייעֶר שְׁטֶעטְל, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעהֵייסְן אוֹיפְנֶעמֶען אַ שְׁנַיידֶער פוּן אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל מִיטְן נָאמֶען ר׳ אֶלְיָקִים, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט פַאר אַ פָּשׁוּט׳עֶר אִיד אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אוּן אַצִינְד זֶענֶען זֵיי גְעפָאהרְן צוּם שְׁטֶעטְל פוּן ר׳ אֶלְיָקִים, אִים צוּ מוֹדִיעַ זֵיין וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן דִי רַבָּנוּת.

אִינְמִיטְן וֶועג רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בַּעַל עֲגָלָה צוּ זֵיי מִיט אַנְטְשׁוּלְדִיגוּנְג: ״אִיךְ וִויל זִיךְ חַ״ו נִישְׁט מִישְׁן אִין אַייעֶרֶע זַאכְן, מֵיין אַרְבֶּעט אִיז דָאךְ צוּ זֵיין אַ בַּעַל עֲגָלָה, אִיז אַוַודַאי אַז אַזֶעלְכֶע חָשׁוּב׳ע זַאכְן פוּן רַבָּנוּת אִיז נִישְׁט מֵיין דַאגָה, אָבֶער אִיךְ קֶען עֶנְק זָאגְן אַז מִיטְן פָאלְגְן אַ צַדִיק הָאט מֶען נִישְׁט חֲרָטָה. דִי דְרַיי שְׁלוּחִים זֶענֶען גֶעזֶעסְן אוּן גֶעטְרַאכְט וֶועגְן דֶעם עִנְיָן, אִינְמִיטְן רוּפְט זִיךְ אָן ר׳ מֹשֶׁה דֶער שׁוֹחֵט צוּם בַּעַל

עֲגָלָה: "קֶענְט אִיר אֶפְשָׁר ר' אֱלִיָקִים דֶער שְׁנַיידֶער פוּן אַייעֶר שְׁטֶעטְל".

אִיר פְרֶעגְט צוּ אִיךְ קֶען ר' אֱלִיָקִים עֶר אִיז דָאךְ דֶער תְּהִלִּים זָאגֶער בַּיי אוּנְז, אוּן עֶר לֶערְנְט בַּיי אוּנְזֶער אַ שִׁיעוּר אִין עֵין יַעֲקֹב, וֶוען אִיךְ קוּם אַסַאךְ מָאל אַהֵיים אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, זֶעה אִיךְ אִים שׁוֹין זִיצְן מִיטְן קְלֵיין תְּהִלִּים'ל אִין דִי הַאנְט, עֶר זָאגְט זִיךְ דָארְט שְׁטִיל פַאר זִיךְ אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט הֶערְן, נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶען דָאס הֶערְן, אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה זֶעצְט פָאר: פְרֶעגְט נָאר ר' אֱלִיָקִים וָואס עֶס הֵייסְט אֱמוּנַת צַדִּיקִים, פְרֶעגְן אִים וַוייטֶער דִי שְׁלִיחִים: וִויפִיל יָאר וואוֹינְט שׁוֹין דֶער ר' אֱלִיָקִים בַּיי עֶנְק?, עֶנְטְפֶערְט עֶר: וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אִיז עֶר פְלוּצְלִינְג אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אוּן מֶען הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען זַיין אַ שְׁנַיידֶער בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל, עֶס הָאט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט פַאר דַי שְׁנַיידֶער'ס אַז עֶר וֶועט צוּנֶעמֶען זֵייעֶרֶע פַּרְנָסוֹת, אָבֶּער מִיט דַי צַייט הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר וֶועט נָאר פַארְרֶעכְטְן זַאכְן אוּן עֶר נֶעמְט נִישְׁט אַן קֵיין נַייֶע זַאכְן צוּ מַאכְן.

וֶוען דִי שְׁלִיחִים הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ "מִן הַסְּתָם הָאט דֶער בֶּעלְזֶער רָב אָנְגֶע'שַׁדְכְנ'ט עֶפֶּעס

אַ ל"ו צַדִיק" און זיי האָבּן מַחֲלִיט גֶעוֶוען, זאָל זיין וָואס ס'זאָל זיין, זיי פָאלְגְן דֶעס בֶּעלְזֶ'ער רְבּ.

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען זיי גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ ר' אֱלִיָקִים, דֶער שְׁנַיידֶער הֵייבְּט אוּיף זַיינֶע אוּיגְן פוּן דֶעס נָאדְל מִיט וֶועלְכֶע עֶר אַרְבֶּעט "שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אִידְן" זָאגְט עֶר פַאר דִי אִידְן וָואס זֶענֶען אַרַייְנְגֶעקוּמֶען, "מִיט וָואס הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גֶעסְט" און עֶר זָאגְט וַוייטֶער: "אִיךְ נֶעם נִישְׁט אָן קֵיין נַייע זאַכְן צוּ מַאכְן, נָאר צוּ פַארְרֶעכְטְן", דִי שְׁלִיחִים האָבּן נִישְׁט צוּ פִיל גֶעטְרַאכְט און האָבּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי כְּתָב רַבָּנוּת וָואס זיי האָבּן מִיט גֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ זָאגְנְדִיג: "אַז דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רְבּ האָט גֶעהֵייסְן אַז זיי זאָלְן אִיס אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעס קָאנְסוּס פוּן זַייעֶר שְׁטָאט", דֶער שְׁנַיידֶער האָט זִיךְ צוּלַאכְט, אָבֶּער עֶר האָט גֶעזָאגְט: "אוּיבּ דֶער בֶּעלְזֶער רְבּ האָט גֶעהֵייסְן האָבּ אִיךְ נִישְׁט קֵיין בְּרֵירָה און אִיךְ מוּז אָננֶעמֶען דָאס רַבָּנוּת אֲפִילוּ ס'אִיז בֶּעסֶער צוּ זיין אַ שְׁנַיידֶער".

וֶוען דִי שְׁלִיחִים זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, און האָבּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי נַייעֶס מִיטְן ל"ו צַדִיק, האָבּן אַסַאךְ גֶעלַאכְט פוּן דֶעס, צְוִוישְׁן מִנְחָה און מַעֲרִיב האָבּן זִיךְ גֶעמַאכְט

קופּקעס פון מענטשן וועגן די נייעס, יעדער האָט געזאָגט זיין מיינונג, פּלוצלינג קומט אַריין דער שמש און ער קלאַפּט אויס אַז נאָך מעריב וועט מען זאָגן די תּוכחות פון די אַסיפֿה פון קהל וואָס איז פֿאָרגעקומען היינט נאָכמיטאָג, גלייך נאָך מעריב איז דער שמש אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן אָרון קודש, און האָט אויסגערופֿן "אַז פון די החלטה פון רוב טובֿי הקהל נעמט מען אויף אַלס רבֿ ר' אליקים דער שניידער, אַזוי ווי די עצה פון בעלז'ער רבֿ", מען איז אַרויס געגאַנגען נעמען חתימות אַלע האָבן געחתמ'עט "אויסער דער ראש הקהל האָט געזאָגט אַז ער וועט שטערן די זאַך פֿאַר יעדן פֿאַל".

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט ר' אליקים פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל וואו אַלע האָבן אים באַגלייט מיט גרויס פּאַראַד, און האָבן אים געוואונטשן אַסאַך הצלחה מיט די רבנות.

גלייך ווען ער איז אַראָפּ פון וואָגן, האָט ר' אליקים באַמערקט אויפֿן ראש הקהל, אַז ער איז נישט צופֿרידן מיט זיין קומען אין שטעטל, "דער רבֿ" איז צוגעגאַנגען צום "ראש הקהל" און געגעבן שלום, שפּעטער זענען אַלע אַריבער שלום נעמען, נאָכדעם האָט דער רבֿ אָנגעהויבן די "איינצוג'ס דרשה" וואָס האָט יעדן באַוואונדערט, דאָס גאַנצע שטעטל

הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט, אוֹיסֶער דֶער רֹאשׁ הַקָהָל, וֶועלְכֶער אִיז גְלַייךְ בַּייס קַבָּלַת פָּנִים אַהֵייס גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ טַעֲנָה אַז עֶר פִילְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, אוּן אִין הַארְץ הָאט עֶר שׁוֹין גֶעטְרַאכְט מִיט וָואס עֶר קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן דָאס רַבָּנוּת, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵייס הָאט דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פִילְן שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאגְן אִין זַיינֶע הֶענְט, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן מִיט זַיינֶע הֶענְט, אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן אַלֶע גֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז אַ הַקְפָּדָה פוּן רֶבּ, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אִיז גֶעבְּלִיבְּן בֵּיי זַיינְס, מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרֶעסְטֶע דָאקְטוֹירִים אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע מְיַאֵשׁ גֶעוֶוען.

זַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּם רֶבּ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵייעֶר טַאטְן, דֶער רֶבּ הָאט זֵיי גֶע'עֵצָה'ט, אַז זֵיי זָאלְן פָארְן צוּם בֶּעלְזֶער רֶבּ וַוייל נָאר עֶר קֶען זֵיי הֶעלְפְן אִין זֵייעֶר צָרָה, דֶער רֹאשׁ הַקָהָל הָאט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ גֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער אוֹיפְן קָאנְסוּם הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט חַתְמֶ'ענֶען וֶועגְן זַיינֶע הֶענְט, דִי מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבּ עֶר זָאל פָארְן מִיט זֵיי צוּם בֶּעלְזֶער רֶבּ, אוּן דֶער רֶבּ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

גלייך ווען זיי זענען אַרײַנגעקומען צום בעלזער רב, האָט דער בעלזער רב געהייסן דעם ראש הקהל אַז ער זאָל חתמ'ענען אויפן קאָנסום, דער ראש הקהל האָט געוואָלט זאָגן פאַרן בעלזער רב אַז ער קען נישט חתמענען וועגן זײַנע וואונדן, אָבער דער בעלזער רב האָט געהייסן חתמענען, און גלייך האָט ער אָנגעהויבן צו רירן זײַנע הענט און גרינגערהייט אָן קיין פּראָבלעמען גע'חתמ'עט, פון דעמאָלטס אָן איז ער געזונט געוואָרן און געלעבט בשלום מיטן נײַעס רב.

מיט יאָרן שפּעטער ווען דער רב האָט שוין נישט געלעבט, זענען די אידן אין אַ טאָג געקומען צו שחרית אין בית המדרש האָבן זיי געזעהן גאַנצע מחנות פון גוים ווי זיי קומען און שרייען: ״רוצחים! איר האָט צוגענומען אַ גוי'איש קינד צוליב ענקערע מצות אויף פּסח״, די פּאָליציי איז שנעל געקומען צו לויפן צו האַלטן סדר אַז עס זאָל גאָרנישט פּאַסירן, די אידן זענען געוואָרן זייער צובראָכן, וואָס עס וואָרט זיי אָפּ אַ פרישן ״בלוט בלבול״, ״ווען דער רב וואָלט נאָך געלעבט – האָבן זיי געטראַכט – וואָלט ער זיי געראַטעוועט פון די צרה, ער וואָלט זיכער מתפלל געווען״.

"דער ראש הקהל האט מען גלייך איינגעשפארט אין תפיסה" מיט די טענה אז מען האט געטראפן ביי אים אין קעלער דאס גוי'איש קינד, די אידן האבן גלייך געמאכט א יום תפילה די גזירה זאל בטל ווערן.

יענע נאכט חלום'ט זיך דער שמש, ווי דער רב קומט צו אים און ער זאגט אים אזוי: "לויף שוין אריבער אין בית המדרש, און עפן דעם ארון קודש, וועסטו טרעפן דארט צוויי פלעשלעך מיט בלוט, זאלסטו זיי נעמען און טוישן מיט צוויי פלעשלעך וויין און צוריק פארמאכן דעם ארון קודש און ארויס גיין" דער שמש האט דאס גלייך געטאן און צוריק ארויס געגאנגען.

יענע נאכט האט מען אנגעהויבן צו אויספרעגן דעם ראש הקהל, מען האט אים געפייניגט מיט אלע סארט מיטלען אז ער זאל מודה זיין אז ער האט געשחט'ן דאס קינד, דער ראש הקהל האט זיך שוין געוואלט ברעכן פון די אלע פייניגונגען וואס ער האט געליטן, און זיך מודה זיין אויף די "עבירה" וואס ער האט נישט געמאכט.

"אינמיטן דערזעהט ער דעם רב, ווי ער שטייט פאר אים מיט ווייסע קליידער און ער הערט ווי דער רב זאגט אים:

"מײַן קינד האָב ניט מורא, ברעך זיך ניט, זאָלסט װיסן אַז איך בין געװען פֿון די צדיקים נסתּרים, װעגן דעם האָב איך געאַרבעט אַלס שנײַדער, נאָר אַזױ װי דער בעלזער רב האָט מיר געהײסן אָננעמען דאָס רבנות האָב איך ניט געהאַט קײן ברירה, אָבער װײַל דו האָסט ניט צוגעהערט צום בעלזער רב איז דיר געקומען די צרה", און װיסן זאָלסטו, זאָגט דער רב װײַטער: אַז כּל זמן איך האָב געלעבט, איז אין מײַן זכות ניט פֿאָרגעקומען אַזעלכע צרות אױף די שטאָט, אָבער אַז איך לעב שױן ניט איז געקומען די צרה, און דו לײַדסט יעצט אױף די עגמת נפֿש װאָס דו האָסט מיר גורם געװען, אָבער איך זאָג דיר צו, אַז מאָרגן װעט געשען אַ נס און ס'װעט אַרױסקומען דער רײנער אמת, און דו װעסט אַרױסגײן פֿון דאַ. ענדיגנדיג דאָס צו זאָגן איז דער רב פֿאַרשװאונדן געװאָרן, און דער ראש הקהל האָט זיך שױן געקענט האַלטן און זיך ניט געבראָכן.

אין בית המדרש אין שטעטל איז מען געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און מתפּלל געװען, פּלוצלינג ברעכט מען אױף דעם בית המדרש, און אַ באַנדע מיט פּאָליצײ רײַסן זיך אַרײַן אינעװײניג, מיט זײ איז מיטגעקומען אַ גױ װאָס האָט

לֶעצְטְנְס גֶעפַארְבְּט דָאס בֵּית הַמִדְרָשׁ, דֶער גוֹי הֵייבְּט אָן אַרוּם
צוּזוּכְן אוּנְטֶער דִי אוֹיְוון, אוּנְטֶער דִי בֶּענְק, בֵּיי דִי שַׁאפֶעס בִּיז
וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם "אָרוֹן קוֹדֶשׁ" אוּן מִיט אַ
זִיכֶערְקַייט עֶפְנְט עֶר דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, אוּן עֶר שְׁרַייט אוֹיס:
"דָא אִיז עֶס"! דֶער הוֹיפְּט פוּן דִי פָּאלִיצַיי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען, עֶר
הֵייבְּט אוֹיף דֶעם פְּלַאשׁ אוּן עֶפְנְט דָאס אוֹיף, אוּן עֶר הֵייבְּט
אָן צוּ שְׁרַייעֶן "וָואסְפַארַא פֵּייגֶע ווַיין עֶס שְׁמֶעקְט דָא אוּן גְלַייךְ
דְרֵייט עֶר זִיךְ אוֹיס צוּ דֶעם יוּנְגְן פַארְבֶּער, אוּן עֶר פְרֶעגְט
אִים: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן דָא, ווַיין אָדֶער בְּלוּט?" דוּ
מֵיינְסְט אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דִי פָּאלִיצַיי?, דוּ וֶועסְט
טַייעֶר בַּאצָאלְן פַאר דֶעם"!, גְלַייךְ הָאט מֶען גֶעקֵייטְלְט זַיינֶע
הֶענְט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן, אוּן שְׁוֶוערְן אַז עֶר
אַלֵיין הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי בְּלוּט אִין אָרוֹן קוֹדֶשׁ, אוּן זִיכֶער
הָאבְּן דִי אִידְן אַרַיין גֶעלֵייגְט דִי ווַיין דָא! עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן
צוּ ווֵיינֶען אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, דֶער הוֹיפְּט הָאט אִים
אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְשְׁן, בִּיז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז עֶר
אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן דָא אִין אַ פַּאסְטְקֶע, אוּן עֶר הָאט מוֹדֶה
גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶעם טוֹיטְן גוֹי בַּייס רֹאשׁ
הַקָהָל, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַ פְלֶעשְׁל בְּלוּט,
אוּן עֶס אַרַיין גֶעשְׁטֶעלְט אִין אָרוֹן קוֹדֶשׁ.

גְלַייך הָאט מֶען אַרויסגֶעלָאזְט דֶעם ראש הַקָהָל פְרֵיי, און אַלֶע גוֹיִם זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעטְן מְחִילָה פוּן דִי אִידְן, דִי אִידְן הָאבְּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן וַוייטֶער דִי הֲכָנוֹת צוּם פֶּסַח, און מֶען הָאט גֶעדַאנקְט דֶעם בַּאשֶעפֶער אויף דִי גְרויסֶע חֲסָדִים.

חוֹל הַמוֹעֵד הָאט דֶער ראש הַקָהָל גֶעמַאכְט אַ סְעֻדַת הוֹדָיֶ׳ פַאר דִי גַאנְצֶע שְטָאט, און דָארְט הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיטְן רַב, און נָאכְדֶעם הָאט דֶער שַמָש אויסְפִירְלִיךְ דֶערְצֵיילְט דֶעם גַאנְצְן חָלוֹם וָואס דֶער רַב הָאט אִים גֶעהֵייסְן טוּעְן דִי פְלֶעשְלֶעך, נָאכְן הֶערְן דִי נִסִים הָאבְּן אַלֶע גֶעלוֹיבְּט דֶעם בַּאשֶעפֶער אויפְן גְרויסְן נֵס.

# דֶער
# "פַארְשְׁוואוּנְדֶענֶער בַּאדִינֶער"

וִוי בַּאקַאנְט הָאט זִיךְ רַבִּי לֵייבּ שָׂרָה׳ס אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, עֶר פְּלֶעגט אַסַאךְ אֲרוּם פָארְן אִין דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ צוּ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען אִידְן.

אַמָאל פָארְנְדִיג אִין דִי בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם מֶעזְרִיטְשׁ׳עֶר מַגִּיד, זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ קְרֶעטְשְׁמֶע וָואס הָאט גֶעהֶערְט צוּ אַ גְּבִיר, זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג.

צוּמָארְגְנְס אִינְדֶערְפְרִי רוּפְט זִיךְ אָן רַבִּי לֵייבּ שָׂרָה׳ס צוּ זֵיין בַּאגְלֵייטֶער: רוּף אַרַיין דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶע, אִיךְ דַארְף זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן עֶפֶּעס מִיט אִים צוּ אִים רַאטֶעוֶוען פוּן אַ צָרָה, וֶוען דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען זָאגְט אִים דֶער צַדִּיק: אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זִיךְ רַאטֶעוֶוען, גֵיי שְׁנֶעל אוּס פְּרִיץ אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר, זָאלְסְט אִים אַזוֹי לַאנְג בֶּעטְן בִּיז וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶען, פְרֶעגְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת מִיט גְרוֹיס וְוואוּנְדֶער: וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיינְגֵיין אִין דִי גַאס וָואס

דֶער פָּרִיץ וואוֹינְט דָארְט וואוֹינֶען דָאךְ נָאר גּוֹיִם, זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים, אוּן אוֹיךְ דֶער פָּרִיץ אִיז אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע. הָאט רַבִּי לֵייבּ שָׂרָה'ס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייֶען אוּן אִים גֶעוָוארְנְט, אַז אוֹיבּ עֶר גֵייט נִישְׁט שׁוֹין רוּפְן דֶעם פָּרִיץ וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן.

דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער צִיטֶער'נְדִיק פוּנֶעם פָּרִיץ, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעיָאגְט צוּ גֵיין רוּפְן דֶעם פָּרִיץ צוּ דֶעם צַדִּיק, אוֹיף צוּ מָארְגְנְס זֶענֶען צְוֵויי קִינְדֶער פוּנֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק קְרַאנְק גֶעוָוארְן, דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז אַן הַקְפָּדָה פוּנֶעם צַדִּיק, אִיז עֶר שְׁנֶעל גֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק, אִים צוּ בֶּעטְן אַז עֶר אוֹיסְפּוֹעֶלְ'ן אַ יְשׁוּעָה פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין רוּפְן דֶעם פָּרִיץ.

אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהן, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם חָצֵר פוּנֶעם פָּרִיץ, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט זֶעעֶנְדִיג וִוי דִי הִינְט וָואס פְלֶעגְן אַלֶעמָאל בִּילְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעבִּילְט, אוּן דִי פַּאדִינֶערְ'ס הָאבְּן אִים גְלַייךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּם פָּרִיץ, וֶועלְכֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיפְגֶערֶעגְטֶ'עְרְהֵייט וָואס עֶר דַארְף, דִי פַּאדִינֶערְ'ס הָאבְּן גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז ר' לֵייבּ שָׂרָה'ס רוּפְט אִים שׁוֹין אַרִיבֶּער.

# דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער אִין תְּפִיסָה



וֶוען דֶער פָּרִיץ הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז אִים גֶעפַאלְן אַ גְרוֹיס פַּחַד, אוּן עֶר אִיז בַּאלְד אַרִיבֶּער מִיט דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער צוּ ר׳ לֵייבּ שָׂרָה׳ס, ר׳ לֵייבּ שָׂרָה׳ס הָאט זִיךְ פַארְשְׁפַּארְט מִיטְן פָּרִיץ אַ שְׁטִיקְל צַייט אוּן נָאכְדֶעם אִיז דֶער פָּרִיץ צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין פַּאלַאץ, גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאט ר׳ לֵייבּ שָׂרָה׳ס בַּאפוֹילְן מֶען זָאל שְׁפַּאנֶען פֶערְד אוּן וָואגְן אוּן גְלַייךְ אַהֵיים פַארְן.

מִיט אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה: דֶער גוֹי׳אִישֶׁער בַּאדִינֶער פוּן דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער אִיז

פְּלוּצְלוּנְג פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן, אוּן וואוּ מֶען הָאט אִיס נָאר גֶעזוּכְט הָאט מֶען אִיס נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, דִי גַלָאִיס הָאבְּן גְלַייך פַארְשְׁפְּרֵייט אַ בִּלְבּוּל, אַז דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט דֶעם בַּאלְדִינֶער כְּדֵי צוּ קֶענֶען נוּצְן דִי בְּלוּט אוֹיף דִי מַצּוֹת פוּן פֶּסַח, דִי פָּאלִיצֵיי הָאט גְלַייך אַיינְגֶעשְׁפַּארְט דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער אוֹיף דֶעם חַשַׁד אַז עֶר הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט דֶעם בַּאלְדִינֶער, אִין תְּפִיסָה הָאט מֶען אִיס מוֹרָא׳דִיג גֶעפֵּיינִיגְט אַז עֶר זָאל זִיך מוֹדֶה זַיין אוֹיף דִי פַארְבְּרֶעכְנְס וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט.

דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים אוּן עֶר הָאט זִיך "מוֹדֶה גֶעוֶוען" אַז עֶר הָאט גֶע׳שָׁחטְ׳ן דֶעם בַּאלְדִינֶער, פַאר אַזַא עֲבֵרָה הָאט מֶען דֶעמָאלְטְס גֶע׳הַרְגֶ׳עט, אוּן דֶער אִיד אִיז טַאקֶע פַארְ׳מִשְׁפָּט גֶעוָוארְן צוּ הַרְגֶ׳ענֶען, וֶוען דֶער שׁוֹפֵט׳ס שְׁלִיחַ אִיז גֶעקוּמֶען צוּם פָּרִיץ אַז עֶר זָאל אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז מֶען קֶען גֵיין הַרְג׳ענֶען דֶעם אִיד.

דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר וֶועט אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן, אָבֶּער וִויבַּאלְד דֶער אִיד אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֵבִין אוֹיף גוּטֶע פֶערְד, אוּן עֶר דֶער פָּרִיץ דַארְף יֶעצְט גֵיין קוֹיפְן נַייע פֶערְד,

ווִיל עֶר קֹדֶם מִיטְנֶעמֶען דֶעם אִיד, נָאכְדֶעם וֶועט עֶר גֶעבְּן רְשׁוּת צוּ הַרְג'עֶנֶען דֶעם אִיד.

דֶער פָּרִיץ הָאט טַאקֶע מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם אִיד, אָנְקוּמֶענְדִיג אוֹיפְן יְרִיד אִיז דֶער פָּרִיץ גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן פַארְשִׁידִינֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט, אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִין יְרִיד אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט שׁוֹמְרִים, אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג בַּאמֶערְקְט דֶער אִיד זַיין פַארְשְׁוואוּנְדִינֶעם בַּאדִינֶער, דֶער אִיד הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת "אוֹי דָאס אִיז דָאךְ מֵיין פַארְשְׁוואוּנְדִינֶער בַּאדִינֶער" אוּן דֶער בַּאדִינֶער אִיז



דִי מִשְׁפָּט פוּן דֶעם אִיד

ארויפגעפאלן אויפן איד בעטנדיג, אז ער זאל אים מיטנעמען מיט זיך צוריק אהיים.

דער באדינער האט דערציילט: אז די גלחים האבן אים אפגעפארט און געזאגט אז אויב ער וועט פארשוואונדן ווערן וועלן זיי אים געבן אסאך מתנות, כדי ער זאל מסכים זיין מיטצוארבעטן אינעם בלוט בלבול קעגן זיין בעל הבית, קודם האט ער ניט געוואלט, אבער איין נאכט זענען אנגעקומען מענטשן און מען האט אים אוועק געשלעפט אין א ווייטע שטאט, ער האט געוואלט צוריק קומען אבער ער האט ניט געהאט קיין געלט.

דער באדינער דערציילט ווייטער: נעכטן אינמיטן נאכט, איז צוגעקומען צו מיר א אלטער איד מיט א יונגן באדינער, זיי האבן מיר אוועקגעזעצט אויף א וואגן און געברענגט צום גארטן פון שטאט וואס מיר געפינען זיך יעצט, אינדערפרי האט מיר דער אלטער איד געזאגט: גיי אויפן יריד וואו דו וועסט טרעפן דיין אלטן בעל הבית, וועלכער וועט דיר צוריקנעמען און אויך דו וועסט אים באשיצן...

ווען דער קרעטשמער האט דאס געהערט האט ער גלייך פארשטאנען, אז דאס איז די ארבעט פונעם צדיק ר׳ לייב

שָׂרָה׳ס, װעלכֶער הָאט גֶעזֶעהְן מִיט זַיין רוּחַ הַקֹדֶשׁ אַז דִי גַלָחִים װעלְן קֶעגְן אִים פַארְשְׁפְּרֵייטְן אַ בְּלוּט בִּלְבּוּל, אוּן װעגְן דֶעם הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק מַקְדִים גֶעװֶעזְן אוּן אוֹיסְגֶע׳פּוּעלְ׳ט אַ יְשׁוּעָה פוּן פְרִיעֶר.

דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיין בַּאדִינֶער: וַוארְט דָא בִּיז אִיךְ װעל דִיר קוּמֶען נֶעמֶען, אִינְצְװִישְׁן הָאבְּן דִי פָּאלִיצַיי צוּרִיקְגֶענוּמֶען דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער צוּם פָּרִיץ, כְּדֵי עֶר זָאל אִים זָאגְן װעלְכֶע פֶערְד צוּ קוֹיפְן, דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דִי בֶּעסְטֶע פֶערְד פַארְן פָּרִיץ.

אַזוֹי װִי דֶער פָּרִיץ הָאט זִיךְ נָאר אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְן וָואגְן, זֶענֶען דִי פֶערְד גֶעוָוארְן זֵייעֶר װִילְד אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען לוֹיפְן צוּ דִי סַכְּנָה װִי דֶער גוֹי׳אִישֶׁער בַּאדִינֶער הָאט זֵיי גֶעוַוארְט, אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם גַאסְט הוֹיז זָאגְט דֶער אִיד צוּם פָּרִיץ: "דָא הָאבּ אִיךְ אַ אוֹיסְגֶעצֵייכְנֶטֶער בַּעַל עֲגָלָה פוּן אוּנְזֶער גֶעגֶנְט", נֶעם אִים מִיט עֶר װעט אוּנְז אַהֵיים פִירְן, דֶער פָּרִיץ הָאט מַסְכִּים גֶעװֶעזְן, אוּן הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם גוֹי׳אִישְׁן בַּאדִינֶער.

אוֹיפְן װעג צוּרִיק פְרֶעגְט דֶער פָּרִיץ פַארְן קְרֶעטְשְׁמֶער "צוּ גֶעדֶענְקְסְטוּ נָאךְ װִי דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ מַיין פַּאלַאץ אִין



דֶער גוֹי דֶערְצֵיילְט פַארְן אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה

שְׁלִיחוּת פוּן אַן אַלְטְן רַאבִּינֶער" עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער יָא! אִיךְ גֶעדֶענְק עֶס גוּט, פַארְוָואס פְּרֶעגְסְטוּ, עֶנְטְפֶערְט דֶער פָּרִיץ:

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי כַּוָּנָה פוּנֶעם רַאבִּינֶער, וָוען אִיךְ בִּין דֶעמָאלְטְס גֶעקוּמֶען צוּ אִים, הָאט עֶר מִיר בַּאפוֹילְן אַז מֶען וֶועט דִיר וֶועלְן בַּאשְׁטְרָאפְן זָאל אִיךְ דִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיפְן יְרִיד, אוּן דָארְט אוֹיפְן יְרִיד וֶועט גֶעשֶׁעְן גְרוֹיסֶע נִסִים מִיט

דִיר, אוּן אִילְט אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער: אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפָּאלְגְט אָבֶּער אִיךְ זֶעה נָאךְ נִישְׁט אַז דַיין יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען.

אוֹיבּ אַזוֹי זָאגְט דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיפְקְלֶערְן, דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען, זֶעסְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה! דָאס אִיז דָאךְ מֵיין "פַארְשְׁוואוּנְדֶענֶער" בַּאלִינֶער, פְרֶעג אִים אוֹיס וֶועט עֶר דִיר אַלֶס פַארְצֵיילְן, דֶער גוֹי'אִישֶׁער בַּאלִינֶער הָאט אַלֶעס אִיבֶּער דֶערְצֵיילְט פַארְן פָּרִיץ.

צוּרִיק קוּמֶענְדִיג אַהֵיים הָאט דֶער פָּרִיץ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט בַּייס מִשְׁפָּט דֶעם בַּאלִינֶער וֶועמֶען דֶער רִיכְטֶער הָאט גְלַייךְ דֶערְקֶענְט, דֶער גַלָח הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין בְּרֵירָה אוּן הָאט זִיךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען אוֹיף דִי בְּלוּט בִּלְבּוּל , דֶער שׁוֹפֵט הָאט גְלַייךְ גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיפְהֶענְגֶען דֶעם גַלָח.

אִין זְכוּת פוּן ר' לַייבּ שָׂרָה'ס הָפֶּענֶער רוּחַ הַקֹּדֶשׁ אִיז דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן.

**כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיְבֶךָ ה'**